# ווערען א בר מצוה אין מיטן ספירת העומר

ספירת העומר | פסח | שבועות

ספירת העומר / חיוב דרבנן לפטור מצוה מן התורה / עבד שנשתחרר
גר שנתגייר / קידוש לפני כניסת שבת / מצותי' אחשבי'
ספירת העומר בימות המשיח

לע"נ זאב ארי' ע"ה בן יבלחט"א שניאור זלמן גליק

אין די דינים פון ספירת העומר איז פאַראַן אַ באַוואוסטע מחלוקת. אויב איינער האָט פאַרגעסן ציילן איינע פון די טעג פון ספירה האַלט דער בה"ג[1] אַז ער קען ניט ממשיך זיין צו ציילן. תוספות[2] זאָגט אַז דער דין איז אַ "תימה גדול ולא יתכן" און האַלט אַז ער קען יע ממשיך זיין צו ציילן.

די הלכה ווערט גע'פסק'נט ווי שיטת התוספות, אָבער וויבאַלד אַז ספק ברכות להקל איז דער דין אַז ער זאָל ממשיך זיין צו ציילן אָן אַ ברכה.[3]

דער ביאור פון דער מחלוקת בפשטות איז, אַז די צוויי שיטות זיינען מחולק צי מצות ספירת העומר איז ניין און פערציק באַזונדערע מצות, און דעריבער איז יעדער טאָג אַ באַזונדער מצוה און נישט תלוי צי מ'האָט געציילט די אַנדערע טעג אָדער נישט, און אַזוי האַלט תוספות. אָדער ווי דער בה"ג האַלט, אַז גאַנץ ספירת העומר איז איין לאַנגע מצוה, אַז מ'זאָל ציילן ניין און פערציק טעג! און דעריבער אויב איינער האָט פאַרפעלט איין טאָג האָט ער פאַרפעלט אַ חלק פון די מצוה און ער קען שוין ניט מקיים זיין די מצוה.

אַזוי איז טאַקע דער ספר החינוך מבאר די מחלוקת, וזה לשונו:[4] "ויש שאמרו שמי ששכח ולא מנה יום א' שאין יכול למנות עוד באותו שנה לפי שכולן מצוה אחת הן . . ולא הודו מורינו שבדורינו לסברא זו" (עס זיינען פאַראַן די וואָס זאָגן אַז אויב איינער האָט פאַרגעסן און האָט ניט געציילט איין טאָג, קען ער מער ניט ציילן, ווייל אַלע טעג זיינען איין מצוה.)

ב דער מנחת חינוך[5] קלערט לויט די שיטה (אַז גאַנץ ספירת העומר איז איין מצוה), וואָס וואָלט געווען דער דין ביי אַ קטן שנתגדל

1. מובא בתוספות מנחות סו א ד"ה זכר למקדש. טור סוף סימן תפ"ט
2. מנחות שם
3. שולחן ערוך אדה"ז סעיף כ"ג
4. מצוה שו
5. מצוה שו אות ו'

באמצע ספירת העומר און אַן עבד שנשתחרר באמצע ספירת העומר, ווען זיי האָבן געציילט ספירה אין די טעג פאַר בר מצוה אָדער באַפרייאונג. אַ קטן און אַ עבד זיינען ביידע פטור פון מצות ספירת העומר (דער קטן איז פטור מדאורייתא אָבער חייב מדרבנן משום חינוך, און דער עבד איז אינגאַנצן פטור ווייל עס איז אַ מצות עשה שהזמן גרמא.)

דער ספק איז, צי דען זאָגט מען אַז "בחיוב ופטור תליא" און וויבאַלד אַז ביז איצטער זיינען זיי געווען פטור הייסט עס אַז זיי האָבן ניט יוצא געווען דער ערשטער חלק פון די מצוה און דעריבער קענען זיי ניט ממשיך זיין ציילן מיט אַ ברכה. אָדער מען זאָגט, אַז וויבאַלד זיי האָבן בפועל געציילט, איז "לא בטל החשבון" און זיי קענען ממשיך זיין צו ציילן מיט אַ ברכה.

דער ספק איז ער ניט מכריע, אָבער ער ברייינגט ראיות אַז זיי קענען יע ממשיך זיין. דער קטן מעג ווייל מען געפינט אַז אַ מצוה דרבנן קען פטר'ן אַ חיוב מדאורייתא, וואָס פון דעם זעט מען אַז עס איז פאַראַן אַ חשיבות פון אַ מצוה דרבנן אויך מדאורייתא.

> די ראי' איז, דער מרדכי אין מסכת מגילה[6] ברייינגט אַ תשובה פון ר' טובי' מווינ"א ביינאנ"א וואָס ער שרייבט אַז אַ סומא (וואָס מן התורה איז פטור ממצות און איז חייב נאָר מדרבנן) קען מוציא זיין בני ביתו מיט קידוש כאָטש אַז זיי זיינען חייב מדאורייתא!

> זיין ראי' איז אַז מען זעט אַז בערב שבת נאָך פלג המנחה קען מען יוצא זיין מצות קידוש כאָטש אַז תוספת שבת איז מדרבנן און זיין קידוש איז נאָר מדרבנן, וויבאַלד אַז שפּעטער וועט ער ווערן חייב מדאורייתא.

> און כאָטש אַז אַנדערע קריגן זיך אויף אים אין אַ פּאָר זאַכן, אָבער על כל פנים לויט די שיטה האָט מען אַ ראי'.

און דער עבד קען ציילן, ווייל מ'געפינט אויך אַז אפילו הפטור במצוה וואָס האָט מקיים געווען אַ מצוה און פעולתו איז נאָך אַלץ פאַראַן ווען

6. סימן תשצ"ח. מובא במגן אברהם סימן רס"ז סק"א

**ער ווערט אין דעם נתחייב, איז ער יוצא מיט זיין פריערדיקען פעולה - כאָטש אַז דאַן איז ער געווען פטור!**

די ראי' איז פון אַ גמרא אין יבמות,[7] וואס דאָרטן ווערט געבראַכט אַ מחלוקת: "איתמר היו לו בנים בהיותו עובד כוכבים ונתגייר ר' יוחנן אמר קיים פרי' רבי' .. דהא הוו לי.' ריש לקיש אמר לא קיים פרי' ורבי' .. גר שנתגייר כקטן שנולד דמי." (מיר האָבן געלערנט, אויב איינער האָט געהאַט קינדער ווען ער איז נאָך אַלץ געווען אַ גוי און ער האָט נאָכדעם זיך מגייר געווען. ר' יוחנן זאָגט אַז ער האָט מקיים געווען מצות פרי' ורבי' .. ווייל יעצט האָט ער דאָך קינדער. ריש לקיש זאָגט ער האָט ניט מקיים געווען .. ווייל אַ גר איז ווי אַ ניי געבאָרענער).

זעט מען (לויט ר' יוחנן על כל פנים) אַז אויב מען האָט עפּעס געטאָן ווען מען איז געווען פטור האָט עס אַ חשיבות אויך ווען ער וועט ווערן מחוייב אין דעם.[8]

**ג** לכאורה איז אָבער זייער שווער צו לערנען אַז די סברא פון דער בה"ג איז אַז אַלע טעג פון ספירת העומר איז איין מצוה. ווייל:[9]

א) ווי מאַכט מען אַ ברכה אויף דער ספירה יעדער נאַכט, מ'טוט דאָך ניט קיין נייע מצוה. לכאורה וואָלט מען נאָר געדאַרפט מאַכן איין ברכה, אָדער אין אָנהויב אָדער אין סוף?

ב) לכאורה זאָל מען ניט מאַכן קיין ברכה ביז דער לעצטער נאַכט, ווייל עס קען פּאַסירן אַז מען וועט פאַרגעסן ציילן איין נאַכט און דעמאָלט איז ער - לויט די שיטה - אינגאַנצן ניט מקיים מצות ספירת העומר, קומט אויס אַז די ברכות וואָס ער האָט געמאַכט ביז יענעם טאָג ווערן (למפרע) לבטלה!

דעריבער דאַרף מען זאָגן אַז אויך לויט די שיטה איז יעדער טאָג אַ באַזונדער מצוה.

7. סב, א
8. וי"ל לומר שכאן גם ר"ל מודה לר"י שהרי אינו גר, רק עבד שנשתחרר. וצ"ע
9. ראה שו"ע סימן תפ"ט חק יעקב סק"ו. פמ"ג )משבצות( סק"א

אויב אזוי דאַרף מען פאַרשטיין, וואָס איז טאַקע די הסברה אין די שיטה - פאַרוואָס אויב איינער האָט פאַרפעלט איין טאָג קען ער ווייטער ניט ציילן?

דער ביאור בזה איז בהקדים: דער לשון פון תוספות ווען ער ברייננגט שיטת הבה"ג איז "עוד פסק בהלכות גדולות שאם הפסיק יום א' ולא ספר שוב אינו סופר משום דבעיה תמימות." דאָס הייסט אַז מן התורה איז די מצוה אַז אַלע טעג וואָס מען ציילט זאָלן זיין גאַנץ. דאָס הייסט אַז אויב מען האָט פאַרפעלט איין טאָג, לדוגמא יום ט', קען ער שוין ניט זאָגן אין דעם מאָרגענדיקען ספירה "היום עשרה ימים לעומר," ווייל ביי אים איז דאָס ניט אַ גאַנצע ספירה, ווייל ביי עם האָט געפעלט יום ט'.

ד לויט דעם קען מען זאָגן אַז דער גאַנצער ספק פון דער מנחת חינוך איז ניט נוגע:

זיין שאלה איז, וויבאַלד אַז אַלע טעג זיינען איין מצוה, דעריבער אויב מען נעמט אָן אַז "בחיוב ופטור תליא מילתא" איז פשוט אַז אויב ער האָט ניט מקיים געווען דער ערשטער חלק פון די מצוה קען ער ניט מקיים זיין דעם אַנדערן חלק פון די מצוה.

און דעריבער דאַרף ער מוכיח זיין אַז אַ מצוה וואָס ווערט געטאָן אפילו ווען מען איז פטור איז פאַרעכנט פאַר אַ מצוה אויך מדאורייתא.

אָבער לויט ווי מען האָט דאָ מבאר געווען, איז דאָך יעדער טאָג אַ באַזונדער מצוה, איז פשוט אַז אפילו אויב מען איז געווען פטור קען ער נאָך אַלץ מקיים זיין די מצוה פון ציילן די קומענדיקע טעג.

די שאלה איז גאָר אַן אַנדערע:

צי דען איז זיין איצטיקע ספירה פאַרעכנט בשלימות?

דאָס הייסט, וויבאַלד אַז ער האָט פריער געציילט, וויבאַלד אָבער אַז ער איז געווען פטור, צי דען הייסט דאָס אַז ביי אים איז דאָ דער "מציאות" פון ספירה פון די פריערדיקע טעג אָדער ניט?

ה לכאורה דאַרף מען זאָגן אַז ביי זיי איז ניטאָ די מציאות הספירה, ובהקדים:

דער גאַנצער ענין פון ספירה (אַז דער טאָג איז יום ראשון און דער קומענדיקער איז יום שני), איז ניט קיין אמת׳ע מציאות, ווייל ווער האָט מחליט געווען אַז דאָס איז יום ראשון וכו׳. און אויב איינער וועט אָנהויבן ציילן אין אַ פריערדיקער טאָג און זאָגן היום יום ראשון, צי דען ווערט דאָס דער ערשטער טאָג פון ספירה? עס איז פשוט אַז עס איז גאָרניט!

נאָר וויבאַלד אַז די תורה האָט אָנגעזאָגט אַז מ׳זאָל ציילן, ווערן די טעג - טעג וואָס מען קען זיי ציילן! ובלשון פון חז״ל "מצוותי" אחשבי"" (דאָס וואָס עס איז אַ מצוה מאַכט עס חשוב.)

לויט דעם דאַרף אויסקומען אַז דער וואָס האָט ניט די מצוה איז ביי אים דער ציילן גאָרנישט, און ווען ער וועט ווערן אַ בר חיובא וועט ער ניט קענען ממשיך זיין ציילן מיט אַ ברכה!

דער אמת איז אָבער ניט אַזוי, ובהקדים, ווען די תורה זאָגט אָן אַז מ׳זאָל עפּעס טאָן - לדוגמא אכילת מצה - מוז דאָך זיין אַז אין וועלט איז דאָ אַזאַ מין מציאות וואָס הייסט "מצה."

על דרך זה יש לומר דאָ, ווען די תורה זאָגט אָן אַז מ׳זאָל ציילן די טעג, ווערן די טעג אַ מציאות אין וועלט אויך פאַר איינעם וואָס איז ניט מחוייב אין די מצוה.

לויט דעם קומט אויס, אַז אויב ווי נאָר איינער האָט געציילט די טעג איז עס ביי אים אַ מציאות!

אויב אַזוי איז פשוט, אַז ווען ער ווערט מחוייב אין די מצוה, איז זיין ווייטערדיקען ספירה בשלימות, וויבאַלד אַז ער האָט שוין געציילט טעג וואָס האָבן אַ חשיבות על פי תורה, איז דערפאַר קען ער ממשיך זיין ציילן מיט אַ ברכה.

ן דאָס איז אויך אַ נפקא מינה פאַר יעדערן פון אונז. בזמן הזה איז מצוות ספירת העומר נאָר מדרבנן[10]. וואָס וועט זיין אויב משיח קומט אין מיטן ספירת העומר - קען מען ממשיך זיין ציילן מיט אַ ברכה?

אויב מ'נעמט אָן ווי דער מנחת חינוך, דאַרף מען אָנקומען צו ראיות (ווי פריער ערקלערט) אַז אויך דער וואָס איז חייב נאָר מדרבנן האָט עס אַ חשיבות ווי מדאורייתא.

אָבער לויט ווי מען האָט מבאר געווען, איז וויבאַלד אַז מן התורה איז פאַראַן אַ מצוה פון ציילן ספירת העומר, (נאָר אַז בפועל קענען מיר דאָס ניט מקיים זיין, ווייל מיר זיינען ניט מקריב מנחת העומר און שתי הלחם,) איז עס ביי אונז אַ מציאות, און אויב משיח וועט קומען באמצע ספירת העומר, וואָס דאַמאָלסט וועט עס זיין אַ מצוה מדאורייתא (כאָטש אַז מען האָט דער יאָר ניט מקריב געווען מנחת העומר, אָבער וויבאַלד אַז מען וועט ברייגנען די שתי הלחם, איז עס ספירת העומר מדאורייתא)[11] וועט מען קענען ממשיך זיין און יוצא זיין די מצוה אויך מן התורה!

על פי ליקוטי שיחות חלק ל"ח שיחת חג השבועות סעיפים ג'-ד'

10. שו"ע אדה"ז סימן תפ"ט סעיף ב'
11. לקוטי שיחות חלק ל"ח עמוד 12 הערה 35

# קיצור לחזרה

1. מחלוקת הבה"ג ותוספות במי שחיסר ספירת יום א' של ספה"ע האם אפשר לברך עוד. ביאור המחלוקת, האם ספירת העומר הוא מצוה אחת או מ"ט מצוות נפרדות.
2. חקירת המנחת חינוך בקטן שנתגדל ועבד שנשתחרר באמצע ספירת העומר. והכרעה והראיות מקידוש אחרי פלג המנחה, וגוי שקיים פרי' ורבי' ונתגייר.
3. קושיות על ביאור שיטת הבה"ג, וביאור באופן אחר, שהיא מצוה אחת, אבל המצוה היא שיהיה "תמימות".
4. ביאור מדוע אינו שייך חקירה של המנחת חינוך, ושאלה בנוגע למציאות הספירה.
5. ביאור שלכאורה אינו שייך המציאות דספירה כיון ד"מצוותי' אחשבי'" והם פטורים. אבל באמת מצד המצוה יש כאן מציאות הספירה בעולם, והם ספרו! א"כ יש להם המציאות.
6. נפקא מינה באם יבוא משיח באמצע ספירת העומר.